פוּן אֱלֹקוּת, נָאר מִצַּד דֶעם רוּחַ שְׁטוּת, מִצַּד דֶער בְּהֵמָה וָואס אִין אִים, דֶער נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית, מִצַּד דֶעם קָאן עֶר טָאן מַעֲשֵׂה בְּהֵמָה. וּבְמֵילָא בְּשַׁעַת עֶר וֶוערְט נִתְעוֹרֵר מִיט אַ קַנָּאוּת, נִיט צוּלִיבּ זַיְין כָּבוֹד אוּן נִיט צוּלִיבּ כְּבוֹד בֵּית אַבָּא, נָאר קַנֹּא קִנֵּאתִי לַהֲוָיֶ׳, אוּן דֶער עִנְיָן דֶערְנֶעמְט אִים אַזוֹיפִיל אַז עֶר טְרַאכְט אֲפִילוּ נִיט צִי עֶר אִיז עוֹבֵר אַן עֲבֵירָה דֶערְמִיט צִי נִיט, וַוייְלֶע עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן דוּרְכְגֶענוּמֶען מִיט דִי קַנָּאוּת לַהֲוָיֶ׳, בְּמֵילָא הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועקְגֶעלֵייגְט אִינְגַאנְצְן אָן אַ זַיְיט, אִיז בְּשַׁעַת דֶעם גוּף וְנֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית לֵייגְט עֶר אַוֶועק אָן אַ זַיְיט אוּן עֶס בְּלַייְבְּט נָאר דֶער נֶפֶשׁ הָאֱלֹקִית וָואס אִיז שְׁטֶענְדִיק בְּאָמְנָה אִתּוֹ יִתְבָּרֵךְ[ט], וָואס מִצַּד דֶעם קוּמְט בַּיי אִים דִי קַנָּאוּת, אִיז דָאךְ וַדַּאי אַז בְּשַׁעַת דֶער נֶפֶשׁ הַבַּהֲמִית אִיז נִיט מְבַלְבֵּל, וֶועט דִי נְשָׁמָה מִצַּד עַצְמָהּ זִיכֶער מְכֻוָּן זַיְין צוּ דֶעם רָצוֹן הָעֶלְיוֹן.

דֶערְפַאר זֶעעֶן מִיר אַז דוּרְךְ דֶעם וָואס פִּנְחָס הָאט גֶע׳הַרְגֶ׳ט זִמְרִי׳ן, אִיז וַתֵּעָצַר הַמַּגֵּפָה, עֶר הָאט מַצִּיל גֶעוֶוען כַּמָּה אֲלָפִים מִיִּשְׂרָאֵל פוּן אַן עָוֹן חָמוּר בְּיוֹתֵר, דֶער עֲוֹן בַּעַל פְּעוֹר, וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ[כ] אַז דֶער עָוֹן פוּן בַּעַל פְּעוֹר אִיז שְׁטֶענְדִיק מְקַטְרֵג אוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ נֶעמְט אַרָאפּ דֶעם קִטְרוּג, וָואס אוֹיף קֵיין עָוֹן גֶעפִינְט מֶען דָאס נִיט, אוּן פִּנְחָס הָאט מַצִּיל גֶעוֶוען דִי אִידְן פוּן דֶעם עָוֹן. דֶערְפַאר הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען אַז הִנְנִי נוֹתֵן לוֹ אֶת בְּרִיתִי שָׁלוֹם, דְּפִנְחָס זֶה אֵלִיָּהוּ וָואס עֶר קוּמְט אוֹיף יֶעדֶער בְּרִית מִילָה[כא] אוּן עֶר וֶועט קוּמֶען מְבַשֵּׂר זַיְין דִי גְאוּלָה.

---

11. ***Tanya,* ch. 24.**

12. See *Bamidbar,* ch. 25.

13. ***Tosafos, Sotah* 14a,** s.v, *mipnei mah.* ***Pirkei D'Rabbi Eliezer,* the end of ch. 45, *et al.***

14. *Bamidbar* 25:12.

15. ***Pirkei D'Rabbi Eliezer,* ch. 29; Avudraham, *Hilchos Bris Milah.***

## A Time for Zealousness

2. We are presently also living in a time of plague, Heaven forbid. As my revered father-in-law, the Rebbe Rayatz said,[16] as part of the birth-pangs of *Mashiach's* imminent arrival, "G-d has set the walls of exile on fire." There is no need for proofs or explanations about this matter; it is obvious. We see how in actual fact so many Jews in the Diaspora and in the Holy Land are becoming lost to Judaism. They are following a crooked path which leads them to become opponents of G-d and His Torah. In such a time, a time when a fire is raging, when Jewish boys and girls are apt to be lost to Judaism, it is not necessary to consult a Jewish court or to look in holy books to see whether one may give up an hour of Torah study in an attempt to rectify this problem. There is no time for questions like this. Every moment lost increases the danger. Now is the time when we must act.

In such a time, every person must ignite the pure flame of zealousness in his soul. This can be accomplished through studying *pnimiyus haTorah.* With that energy, he must go out from his own private setting and approach other Jews and speak to them in a pleasant manner and with heartfelt words. There is no need for intellectual disputes and to argue back-and-forth. When such a destructive fire is raging, there is no time for this. When there is danger to a person's soul, the way to influence the other person is not through the mind. Instead, it is necessary to speak with feeling, with soul-felt words. This is the way to ignite the pure flame lying deep within the soul of the other Jew, of which it is said,[17] "Its sparks are sparks of fire,

ה. אִיצְטֶער אִיז דָאךְ אוֹיךְ אַ זְמַן פוּן אַ מַגֵּפָה, רַחֲמָנָא לִצְלַן. ווִי כְּבוֹד קְדֻשַּׁת מוֹרִי וְחָמִי אַדְמוּ״ר הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָנְגֶעצוּנְדן דִי גָלוּת־ווֶענְט[כב], ווָאס דָאס אִיז אַן עִנְיָן ווָאס מֶען דַארְף נִיט הָאבְּן אוֹיף דֶעם קֵיין רַאְיוֹת אוּן הַסְבָּרוֹת, נָאר מֶען זֶעט דָאס בְּמוּחָשׁ. מֶען זֶעט בְּמוּחָשׁ ווִי כַּמָּה וְכַמָּה מִיִּשְׂרָאֵל אִין חוּץ לָאָרֶץ אוּן אִין אֶרֶץ הַקְדוֹשָׁה תִּבָּנֶה וְתִכּוֹנֵן ווֶערְן פַארְלָארְן פוּן אִידִישְׁקַיְיט, זֵיי גֵייעֶן אוֹיף אַ קְרוּמֶען ווֶעג ווָאס דָאס פִּירְט זֵיי אַז זֵיי זָאלְן ווֶערְן חַס וְשָׁלוֹם מְנַגְּדִים עַל הֲוָיָ׳ וְעַל תּוֹרָתוֹ, אִיז אִין אַזַא צַיְיט, אַ צַיְיט פוּן אַ שְׂרֵיפָה, אַ צַיְיט ווָאס אַ אִידִישֶׁער אִינְגֶעלֶע אָדֶער אַ אִידִישֶׁע מֵיידֶעלֶע קָאנֶען ווֶערְן חַס וְשָׁלוֹם פַארְלָארְן פוּן אִידִישְׁקַיְיט, אִין אַזַא צַיְיט דַארְף מֶען נִיט גֵיין צוּ בֵּית דִּין אוּן נָאכְקוּקְן אִין סְפָרִים צִי עֶר מֶעג מְבַטֵל זַיְין אַ שָׁעָה לֶערְנֶען צוּלִיבּ דֶעם צִי נִיט, אוּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע שְׁאֵלוֹת, ווָארוּם עֶס אִיז אַ סַכָּנָה יֶעדֶער מִינוּט אָפְּצוּלֵייגְן, - מֶען דַארְף טָאן.

אִין אַזַא צַיְיט דַארְף יֶעדֶער אִיד אָנְצִינְדְן דִי קַנָּאוּת שֶׁבְּנַפְשׁוֹ, ווָאס דָאס קָאן מֶען דוּרְךְ פְּנִימִיּוּת הַתּוֹרָה, אוּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי אֵייגֶענֶע ד׳ אַמּוֹת אוּן גֵיין צוּ אִידְן אוּן רֵיידְן מִיט זֵיי בְּדַרְכֵי נוֹעַם אוּן מִיט רֶגֶשׁ׳דִיקֶע ווֶערְטֶער - מֶען דַארְף נִיט אוֹיס׳טַעֲנֶה׳ן זִיךְ מִיט זֵיי מִיט שֵׂכֶל׳דִיקֶע וִיכּוּחִים, ווָארוּם בְּשַׁעַת אַ שְׂרֵיפָה אִיז נִיטָא דִי צַיְיט אוֹיף דֶעם, אוּן בִּכְלַל - ווֶען עֶס הַאנְדְלְט זִיךְ ווֶעגְן פִּקּוּחַ נְפָשׁוֹת נֶעמְט מֶען נִיט יֶענֶעם מִיט שֵׂכֶל. מֶען דַארְף רֵיידְן מִיט רֶגֶשׁ - נְשָׁמָה־ווֶערְטֶער - ווָאס דֶערְמִיט ווֶעט מֶען אָנְצִינְדְן דֶעם פַיְיעֶר ווָאס בַּיי זֵיי, רְשָׁפֶיהָ רִשְׁפֵּי אֵשׁ שַׁלְהֶבֶת

16. Introductory page for *HaYom Yom; Igros Kodesh Admor Rayatz,* Vol. 6, Letter no., 1824.

17. *Shir HaShirim* 8:6.

יָ־ה[כג], און עֶס וועט זַיְין וַתֵּעָצַר הַמַּגֵּפָה.

און דַאן אִיז מֶען זוֹכֶה אַז פִּנְחָס זֶה אֵלִיָּהוּ, ווָאס עֶר ווֶעט קוּמֶען לִפְנֵי יוֹם הַגָּדוֹל וְהַנּוֹרָא, וְהֵשִׁיב לֵב אָבוֹת עַל בָּנִים וגו'[כד], און עֶר ווֶעט מְבַשֵּׂר זַיְין דִי גְאוּלָּה עַל יְדֵי מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ.

(משיחת י״ב תמוז, תשי״ג)

**the flame of G-d.”** This G-dly fire will cause **the plague to cease.**

**Then we will merit** the revelation of **“Pinchas [as] Eliyahu,” who will appear “before the great and awesome day** of G-d **and will turn the hearts of parents to [their] children…”**[18] **and herald the Ultimate Redemption** led by ***Mashiach;* may it happen speedily in our days.**

---

18. *Malachi* 3:23-24.

---

יד) חגיגה ג, א.
טו) עירובין ז, א. ביצה כח, ב.
טז) סנהדרין פב, א.
יז) ירושלמי יומא פרק ח הלכה ה.
יח) סוטה ג, א.
יט) תניא פרק כד.
כ) תוספות סוטה ענדע פרק א. פרקי דרבי אליעזר ענדע פרק מה. ועוד.
כא) פרקי דרבי אליעזר פרק כט. אבודרהם הלכות ברית מילה.
כב) היום יום עמוד 12.
כג) שיר השירים ח, ו.
כד) מלאכי ג כג-כד.

# PINCHAS III | פנחס ג

Adapted from a *sichah* delivered on 16 *Tammuz,* 5712 (1952)

## Introduction

When the Torah describes how *Eretz Yisrael* was divided among the twelve tribes, it presents us with a puzzling contradiction. On the one hand, we're told the allocation was determined "by lottery" – a system that seems to leave everything to chance. On the other hand, the same verses indicate that the *Kohen Gadol,* using the guidance of the *Urim v'Tumim*, was also involved – suggesting careful Divine direction rather than random distribution.

This apparent contradiction becomes even more perplexing when we consider what a lottery represents spiritually. A lottery operates beyond human logic and reasoning, yet when it comes to our spiritual lives, shouldn't our choices be guided by wisdom, study, and careful consideration? Nevertheless, just as in a physical sense, *Eretz Yisrael* was divided by lottery, the spiritual *Eretz Yisrael* – the modes of Divine service to be followed by the Jewish people – are divided by lot. Now, Divine service requires discernment between right and wrong, permitted and forbidden. How can it be governed by something that transcends rational thought?

The Rebbe teaches that the way *Eretz Yisrael* was divided illuminates a profound truth about how each of us discovers our unique spiritual calling. Just as every tribe received exactly the portion of *Eretz Yisrael* that corresponded to their spiritual essence, each individual has a specific spiritual character that no one else possesses. This is his *Eretz Yisrael* – the *mitzvos* and spiritual initiatives that relate to him in a particularly personal way.

Our encompassing commitment to the Torah and its *mitzvos* as an organic whole does not cancel out our individuality. Although we are obligated to observe all *mitzvos*, we each have a personal gateway through which to advance spiritually.

# Nothing Is Random: A Divine Mission for Each Individual

## The Paths G-d Assigns

**1. One of the novel aspects** related **in** ***Parshas Pinchas*** **is the order of inheritance. The** description **of the sacrifices and the census of the Jewish people,** which also feature in *Parshas Pinchas,* **are found in other Torah readings as well;** indeed, they are discussed **at length** in those *parshiyos*. Thus, regarding these elements, there is no fundamental new aspect introduced in *Parshas Pinchas.* **By contrast, the order of inheritance in general, and** the division **of** ***Eretz Yisrael*** into tribal **heritages in particular, is explained** primarily **in** ***Parshas Pinchas.***

**The** division **of** ***Eretz Yisrael*** into tribal **heritages was determined by lottery,** as it is written,[1] **"Only by lottery shall the land be divided." The Talmud**[2] **and Midrash**[3] **explain that** the division **was made by lottery and also by the** ***Urim v'Tumim*****.**

**On the surface, clarification is required: The division of** ***Eretz Yisrael*** **in a physical sense follows the division of** ***Eretz Yisrael*** **in a spiritual sense. This implies that the pattern through which** the different modes of **Divine service**[4] **are allocated** among the Jewish people **is dictated by lottery. This is seemingly problematic. The pattern** determining a person's **Divine service must be based on logic and not by lottery, which is above reason and understanding.**

א. אֵיינֶער פוּן דִי חִדוּשֵׁי עִנְיָנִים אִין פַּרְשַׁת פִּנְחָס, אִיז דֶער סֵדֶר הַנַּחֲלָה.

דֶער עִנְיַן הַקָרְבָּנוֹת, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער עִנְיָן פוּן צֵיילְן דִי אִידְן, אִיז פַּאַראַן אוֹיךְ אִין אַנְדֶערֶע פַּרְשִׁיוֹת וּבַאֲרוּכָּה, אָבֶּער דֶער סֵדֶר הַנַּחֲלָה בִּכְלַל אוּן סֵדֶר נַחֲלַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בִּפְרַט, אִיז מְבוּאָר אִין פַּרְשַׁת פִּנְחָס.

דֶער סֵדֶר הַנַּחֲלָה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיז גֶעוועֶן עַל פִּי גוֹרָל, אַךְ בְּגוֹרָל יֵחָלֵק אֶת הָאָרֶץ. אִין גְמָרָא אוּן מִדְרָשׁ[כה] אִיז מְבוּאָר, אַז עֶס אִיז גֶעוועֶן עַל פִּי גוֹרָל אוּן אוֹיךְ עַל פִּי אוּרִים וְתֻמִּים.

אִין פְּלוּג דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין, ווִיבַּאלְד אַז דֶער סֵדֶר חֲלוּקַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין גַשְׁמִיוּת אִיז ווַיְילֶע אַזוֹי אִיז דֶער סֵדֶר חֲלוּקַת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִין רוּחְנִיוּת, דָאס מֵיינְט אַז דֶער סֵדֶר הַחֲלוּקָה אִין עֲבוֹדָה[כו] אִיז עַל פִּי גוֹרָל, אִיז נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק: דֶער סֵדֶר אִין עֲבוֹדָה דַארְף דָאךְ זַיְין עַל פִּי שֵׂכֶל, אוּן נִיט עַל פִּי גוֹרָל ווָאס דָאס אִיז לְמַעְלָה מִטַעַם וְדַעַת?

---

1. *Bamidbar* 26:55.

**2.** ***Bava Basra*** **122a.**

**3.** ***Bamidbar Rabbah*** **21:9**, commenting **on** ***Bamidbar*** **26:55.** See *Rashi, Bamidbar* 26:54.

The term *Urim V'Tumim* refer to the mystic names of G-d embedded in the breastplate of the *Kohen Gadol,* which served as oracles for the Jewish people.

**4. See the beginning of** ***Parshas Vayeishev*** **in** ***Torah Or*** **and** ***Toras Chayim.***

**True, the foundation of Divine service is *kabbalas ol,* the acceptance of the yoke of Heaven,**[5] which requires going beyond one's logic and understanding. This is expressed by using a lottery,[6] wherein a person does not use his own logic to make a choice. **However, *kabbalas ol* is only the foundation of Divine service.** When one **actually begins his Divine service, he must discern how to act, what is permitted and what is forbidden. This must be** dictated **by the guidelines of the Torah, which involve intellect and comprehension. Why then does it say here that the division – that is, the discernment and allocation** of the modes **of one's Divine service and actions** to follow – must be determined **by a lottery?**

אֱמֶת טַאקֶע אַז דֶער יְסוֹד הָעֲבוֹדָה אִיז קַבָּלַת עֹל דַוְקָא, דָאס אִיז דָאךְ בְּלוֹיז דֶער יְסוֹד הָעֲבוֹדָה. אָבֶּער דֶער אָנְהוֹיבּ הָעֲבוֹדָה, ווֶען עֶר דַארְף פַאנַאנְדֶערְקְלַײבְּן ווִי צוּ טָאן, ווָאס מֶען מֶעג אוּן ווָאס מֶען טָאר נִיט, דַארְף דָאךְ דָאס זַײן עַל פִּי תּוֹרָה דַוְקָא, ווָאס דָאס מוּז זַײן מִיט שֵׂכֶל אוּן הַשָּׂגָה, אִיז פַארְווָאס זָאגְט מֶען אַז דִי חֲלוּקָה, דָאס הֵייסְט דֶער פַאנַאנְדֶערְקְלַײבְּן אוּן פַאנַאנְדֶערְטֵיילְן עִנְיָנֵי עֲבוֹדָתוֹ וַעֲשִׂיּוֹתָיו, אִיז עַל פִּי גוֹרָל?

**Even more puzzling is the wording of the verse,**[1] **"Only by lottery shall the land be divided." "Only" implies limitation, meaning that the division should be determined solely by lottery. Yet, at least on the surface,** the division **should be determined solely by reason and logic.**

נָאךְ מֶער אִיז נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק, ווָאס עֶר זָאגְט אַךְ בְּגוֹרָל יֵחָלֵק אֶת הָאָרֶץ, ווָאס אַךְ אִיז אַ מִיעוּט, דָאס הֵייסְט אַז דִי חֲלוּקָה דַארְף זַײן נָאר עַל פִּי גוֹרָל, וְלִכְאוֹרָה דַארְף עֶס זַײן נָאר עַל פִּי טַעַם וְדַעַת?

## An Individual Gateway to Divine Service

**2. In a *maamar* of the Rebbe, the *Tzemach Tzedek,*[7] as well as in *maamarim* of the later Rebbeim, there are discussions of the concept** implied by **"only by lottery shall the land be divided" as it applies to the soul and Divine service. According to the explanation in those sources, the above-mentioned difficulty is resolved** with the following explanation:

ב. אִין אַ מַאֲמָר פוּן רֶבִּי'ן דֶעם צֶמַח צֶדֶק[כז], אַזוֹי אוֹיךְ אִין מַאֲמָרִים פוּן שְׁפֶּעטֶערְדִיקֶע רַבֵּיִים, רֶעדט זִיךְ ווֶעגְן דֶעם עִנְיָן "אַךְ בְּגוֹרָל יֵחָלֵק אֶת הָאָרֶץ" בְּנֶפֶשׁ וּבַעֲבוֹדָה. אוּן לוֹיט דֶעם בִּיאוּר דָארְט אִיז פַארֶענְטְפֶערְט אוֹיךְ דִי אוֹיבְּנְדֶערְמָאנְטֶע קַשְׁיָא:

**A lottery transcends reason and understanding.**[8] **The division of the land must be** determined **solely by lottery because this division stems from a level that transcends reason and understanding.**

גוֹרָל אִיז לְמַעְלָה מִטַעַם וְדַעַת, אוּן חֲלוּקַת הָאָרֶץ מוּז זַײן נָאר עַל פִּי גוֹרָל, ווַײלֶע דִי חֲלוּקָה קוּמְט פוּן אַן עִנְיָן שֶׁלְמַעְלָה מִטַעַם וְדַעַת.

**This idea can be explained by first clarifying another matter: Every Jew is obligated in all the**

וְהַבִּיאוּר בְּזֶה, וּבְהַקְדָּמָה:

הֲגַם אַז יֶעדֶער אִיד אִיז מְחוּיָּב

5. *Tanya,* ch. 41.

6. *Tanya, Iggeres HaKodesh,* Epistle 7.

**7. See the *maamarim* entitled *Ach BeGoral,*** (published in ***Or HaTorah, Bamidbar,* Vol. 4, p. 1059ff., 5626,** (published in *Sefer HaMaamarim, Toras Shmuel, 5626,* p. 171ff.) **and *5646*** (published in *Sefer HaMaamarim 5646,* p. 14ff.).

8. In other words, rather than make the decisions on the basis of logic and reason, the person commits himself to follow the results of the lottery.

**commandments. Nevertheless, there are specific matters that relate particularly to** each Jew as an **individual.**

**In** *Tanya*, **in** *Iggeres HaKodesh*,[9] the Alter Rebbe **explains this concept,** citing the fact **that we find numerous Sages of the Mishnah and the Gemara who were especially careful in** the observance of **certain commandments.** Now, certainly, **they were careful in the observance of all the commandments; however, there were specific matters in which they were especially careful, because these matters related to them specifically. These matters** served as the gate through which the Divine energy generated by their observance – not only of these particular commandments, but of all **other commandments as well – ascended** upward and the beneficence generated by these *mitzvos* **was drawn down** to this physical plane.[10]

**Each person's connection to** such **specific matters is not rooted in reason and understanding;** it is not **that he intellectually appreciates that he has a special connection to them. Rather, his connection transcends reason and understanding. This is the concept of a lottery.**

אִין אַלֶע מִצְוֹת, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן זַיְינֶען פַאראַן בַּיי יֶעדֶער אִידְן עִנְיָנִים מְיוּחָדִים וָואס זַיְינֶען שַׁיָיךְ צוּ אִים בִּפְרַט.

אַזוֹי ווִי עֶר דֶערְקְלֶערְט אִין תַּנְיָא, אִין אִגֶּרֶת הַקֹּדֶשׁ[כח], דֶעם עִנְיָן וָואס מִיר גֶעפִינֶען בַּיי כַּמָּה תַּנָּאִים וְאָמוֹרָאִים, אַז זַיְינֶען גֶעוֶוען זָהִיר טְפֵי (מֶערֶער) אִין גֶעווִיסֶע מִצְוֹת. זֵיי זַיְינֶען גֶעוֶוען זָהִיר אִין אַלֶע מִצְוֹת, אָבֶער אִין גֶעווִיסֶע עִנְיָנִים זַיְינֶען זֵיי גֶעוֶוען זָהִיר טְפֵי, ווַיְילֶע דִי עִנְיָנִים זַיְינֶען גֶעוֶוען שַׁיָיךְ צוּ זֵיי בִּפְרַט, אוּן דוּרְךְ דִי עִנְיָנִים, אִיז גֶעוֶוען אוֹיךְ דִי הַמְשָׁכָה אוּן עֲלִיָּה פוּן דִי אִיבֶּערִיקֶע מִצְוֹת זֵייעֶרֶע.

דִי שַׁיְיכוּת פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט זַיְינֶע סְפֶּעצִיעֶלֶע עִנְיָנִים, אִיז נִיט קֵיין עִנְיָן פוּן טַעַם וְדַעַת, וָואס עֶר פִילְט מִיט זַיְין שֵׂכֶל אַז עֶר הָאט אַ שַׁיְיכוּת סְפֶּעצִיעֶל צוּ דִי עִנְיָנִים, נָאר דָאס אִיז אַן עִנְיָן פוּן לְמַעְלָה מִטַּעַם וְדַעַת, וָואס דָאס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן גוֹרָל.

## What Resistance Teaches

**3. For this reason, when someone sees that he experiences very severe difficulties and impediments in** connection with the observance of **a particular commandment, this is a sign that this commandment has a greater connection to him.**[11] **The very fact that he encounters such resistance is proof that this matter is more relevant to him.**

**Even if he does not at all intellectually perceive the connection he has to this matter – on the con-**

ג. דֶערְפַאר, ווֶען אֵיינֶער זֶעט אַז אוֹיף אַ גֶעווִיסֶער מִצְוָה הָאט עֶר הַעֲלָמוֹת וְהֶסְתֵּרִים בְּיוֹתֵר, אִיז דָאס אַ רַאְיָה[כט] אַז דִי מִצְוָה הָאט צוּ אִים מֶערֶער אַ שַׁיְיכוּת. פוּן דֶעם גוּפָא וָואס מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ אַזוֹי אַנְטְקֶעגְן, אִיז אַ רַאְיָה אַז דָאס אִיז אִים מֶערֶער נוֹגֵעַ.

אוֹיבּ אֲפִילוּ עֶר זֶעט אִינְגַאנְצְן נִיט מִיט זַיְין שֵׂכֶל דִי שַׁיְיכוּת וָואס עֶר

9. *Tanya, Iggeres HaKodesh,* Epistle 7. See also Rav Chayim Vital's introduction to *Shaar HaHakdamos* (printed at the end of *Kuntreis Eitz HaChayim,* the bottom of p. 73) and *Sefer HaSichos Kayitz, 5700,* p. 22.

10. See *Sefer HaSichos Kayitz, 5700,* p. 22.

11. See *Kuntreis HaAvodah,* the end of ch. 6.

**trary, he sees that this commandment comes harder to him than others, or that he feels no enjoyment or success in this particular field of Torah study – nevertheless, this is the special matter that relates to him specifically. Through it, he will elevate** the Divine energy generated by **his** study of the **Torah and** observance of the **commandments as a whole. This is the reason the evil inclination opposes it so strongly – because this matter is most relevant to him.**

**Consequently, he should not abandon this matter and occupy himself with other matters. On the contrary, he should endeavor to accomplish this matter specifically, because it is most relevant to him. The very fact that he does not understand** his **connection** with it **and does not see how it is relevant to him is** itself **part of the concealment and obstacles** that indicate how important this particular matter is for him.

הָאט צוּ דֶעם עִנְיָן, אַדְּרַבָּה, עֶר זֶעט גָאר אַז דִי מִצְוָה קוּמְט אִים אָן שְׁוועֶרֶער פוּן אַנְדֶערֶע, אָדֶער אַז אִין אָט דֶעם מִקְצוֹעַ בַּתּוֹרָה הָאט עֶר נִיט קֵיין גֶעשְׁמַאק אוּן הַצְלָחָה - פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן אִיז דֶער עִנְיָן, זַיְין עִנְיָן מְיוּחָד וָואס אִיז שַׁיָיך צוּ אִים בִּפְרַט, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט זַיְין אַן עֲלִיָּה אִין זַיְין כְּלָלוּת הַתּוֹרָה וּמִצְוֹת, אוּן דֶערְפַאר שְׁטֶעלְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע אַזוֹי שְׁטַארְק אַנְטְקֶעגְן, וַוְיילֶע דֶער עִנְיָן אִיז אִים נוֹגֵעַ בְּיוֹתֵר.

וּבְמֵילָא דַארְף עֶר נִיט אָפְּלָאזְן דֶעם עִנְיָן אוּן נֶעמֶען זִיךְ צוּ אַנְדֶערֶע עִנְיָנִים, נָאר אַדְּרַבָּה מִשְׁתַּדֵּל זַיְין זִיךְ אוּן טָאן דַוְקָא דֶעם עִנְיָן, וַוְיילֶע דָאס אִיז אִים נוֹגֵעַ בְּיוֹתֵר. אוּן דָאס גוּפָא וָואס עֶר פַארְשְׁטֵייט נִיט דִי שַׁיְיכוּת, אוּן זֶעט נִיט וִוי דָאס אִיז אִים נוֹגֵעַ, דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי הַעֲלָמוֹת וְהֶסְתֵּרִים.

## When Earth Mirrors Heaven

**4. On this basis, it is possible to understand** the meaning of **the verse, "Only by lottery shall the land be divided"** – that the division was to be made by **a lottery which is above reason and understanding.**

**In *Eretz Yisrael,* there were different portions: mountains, lowlands, valleys, fields for grain,[12] orchards,[13] etc. The division that took place – that one received a portion in the mountains, while another in a lowland or valley, or that one received an orchard and another a field for grain – was based on each person's particular connection to the spiritual *Eretz Yisrael.* As a result, the physical *Eretz Yisrael* was also divided in such a manner.**

ד. דֶערְמִיט וֶועט מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶס שְׁטֵייט, אַךְ בְּגוֹרָל יֵחָלֵק אֶת הָאָרֶץ, וָואס גוֹרָל אִיז לְמַעְלָה מִטַּעַם וָדַעַת.

אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זַיְינֶען גֶעוֶוען פַארְשִׁידֶענֶע חֲלָקִים, הַר, שְׁפֵלָה וְעֵמֶק, שְׂדֵה לָבָן, שְׂדֵה פַּרְדֵּס[ז] אוּן אַזוֹי וַוְייטֶער. דִי חֲלוּקָה וָואס אִיז גֶעוֶוען, אַז דֶער הָאט גֶעהַאט בָּהָר, דֶער הָאט גֶעהַאט בַּשְּׁפֵלָה וְעֵמֶק, דֶער הָאט גֶעהַאט שְׂדֵה הַפַּרְדֵּס אוּן דֶער שְׂדֵה הַלָּבָן, אִיז דָאס גֶעוֶוען לוֹיט דֶער שַׁיְיכוּת הַפְּרָטִית פוּן יֶעדֶערְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הָרוּחָנִית, וָואס דֶערְפַאר אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען דִי חֲלוּקָה בְּאוֹפֶן כָּזֶה אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל הַגַּשְׁמִית.

---

12. This is the meaning of the term *sadeh lavan,* literally, "white field."

**13. See *Bava Basra* 122a, explained** according to *Chassidus* **in** *Toras Shmuel,* ***Sefer HaMaamarim 5626,* p. 205 (p. 177ff. in the 5749 ed.).**

און דָאס אִיז וָואס אַךְ בְּגוֹרָל יֵחָלֵק אֶת הָאָרֶץ, ווַיְילֶע דִי שַׁיְיכוּת פוּן יֶעדֶערְן צוּ זַיְין חֵלֶק, אִיז נִיט קֵיין שַׁיְיכוּת עַל פִּי טַעַם וְדַעַת, נָאר דָאס אִיז אַן עִנְיָן פוּן לְמַעְלָה מִטַּעַם וְדַעַת, וָואס דוּגְמָתוֹ לְמַטָּה אִיז דֶער עִנְיָן פוּן גּוֹרָל.

**This is what is meant by the statement, "Only by lottery shall the land be divided"** – that **each person's connection to his portion is not based on reason and understanding. Rather, this is a matter that transcends reason and understanding.** As such, the division was made by employing an **earthly parallel to something above logic – a lottery.**

## Focusing on Our Unique Mission

ה. ווִיבַּאלְד אַז מֶען הָאט דָאס אוּנְז דֶערְצֵיילְט, און תּוֹרָה אִיז אֵייבִּיק פַאר יֶעדֶער צַיְיט און יֶעדֶער אָרְט, אִיז דֶער עִנְיָן נוֹגֵעַ אוּנְז בְּיִחוּד.

**5. Since this** concept **has been related to us by the Torah – and the Torah is eternal,** significant **in every time and every place – it is particularly relevant to us.**

יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַן עִנְיָן מְיוּחָד וָואס אִיז שַׁיָּיךְ צוּ אִים בִּפְרַט, און נִיט קוּקְנְדִיק אוֹיף דִי הַעֲלָמוֹת וְהֶסְתֵּרִים וָואס עֶר הָאט אִין דֶעם עִנְיָן, אַדְּרַבָּה, כַּנַּ"ל, ווִיבַּאלְד עֶר זֶעט אַז אִין דֶעם שְׁטֶעלְט זִיךְ דֶער יֵצֶר הָרָע, דִי וֶועלְט, גָאר שְׁטַארְק אַנְטְקֶעגְן, דַארְף עֶר זִיךְ מִשְׁתַּדֵּל זַיְין מֶער און מֶער דָאס צוּ טָאן, ווַיְילֶע דֶער עִנְיָן אִיז שַׁיָּיךְ צוּ אִים בְּיִחוּד און דוּרְךְ דֶעם עִנְיָן וֶועט זַיְין אַ הַמְשָׁכָה וַעֲלִיָּה אוֹיךְ אִין זַיְינֶע אִיבֶּערִיקֶע עִנְיָנִים.

(משיחת ט"ז תמוז, תשי"ב)

**Every person has a special** *mitzvah* or mode of Divine service **that relates to him specifically. Even though he may experience difficulties and hindrances in** carrying out **this matter,** he must know that, **as mentioned above, since he sees that the evil inclination and the world** appear to **oppose** these efforts **very powerfully, he must endeavor to accomplish his objective with greater** energy. He must realize that this *mitzvah* or spiritual initiative **relates uniquely to him and, through it, he will be able to elevate** the Divine energy generated by his service of G-d as a whole **and draw down the accompanying beneficence.**

---

כה) בבא בתרא קכב, א. במדבר רבה אויפן פסוק (פנחס כו, נה).

כו) זע תורה אור אנפאנג פרשה וישב. תורת חיים דארט.

כז) זע ד"ה אך בגורל – אור התורה פינחס ע' א'נט. ספר תרכ"ו. דשנת תרמ"ו.

כח) סימן ז. זע אויך הקדמת הרב חיים ויטאל לשער ההקדמות (געדרוקט אויך בסוף קונסרס עץ החיים עמוד 73 בסופו). ספר השיחות קיץ ה'ש"ת עמוד 22.

כט) זע קונטרס העבודה ענדע פרק ואו.

ל) זע בבא בתרא קכב, א. ומבואר בסה"מ תרכ"ו ע' רה (בהוצאת תשמ"ט ע' קעז ואילך).

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
David Hendler
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה"ת ר' משה יהודה בן ר' צבי יוסף ע"ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie